געמאַכט געוואָרן פאַר חוטאים, אַזוי אויך דורך
דער געהאָרכזאַמקייט פון דעם איינעם (ישוע) וועלן
20 אַ סך געמאַכט ווערן פאַר צדיקים. די תורה
אָבער איז אַריינגעקומען, כדי די עבירות זאָלן
זיך פאַרמערן; און וואו די זינד האָט זיך פאַרמערט,
21 איז דער חסד נאָך מער איבערגעפלאָסן, כדי, ווי
די זינד האָט געהערשט אינעם טויט, אַזוי זאָל דער
חסד הערשן דורך צדקות צום אייביקן לעבן
דורך ישוען דעם משיח אונזער האַר.

## קאַפּיטל זעקס

1 וואָס זשע זאָלן מיר זאָגן? זאָלן מיר בלייבן אין
דער זינד, כדי דער חסד זאָל זיך פאַרמערן?
2 חס ושלום! וויאַזוי וועלן מיר, וואָס זענען גע־
3 שטאָרבן צו דער זינד, נאָך לעבן אין איר? אָדער
ווייסט איר נישט, אַז מיר אַלע, וואָס זענען געטובלט
געוואָרן צום משיח ישוע, זענען געטובלט געוואָרן
4 צו זיין טויט? מיר זענען דעריבער נקבר געוואָרן
מיט אים דורך דער טבילה צום טויט, כדי,
ווי משיח איז אויפגעוועקט געוואָרן פון די
טויטע דורך דעם כבוד פונם פאָטער, אַזוי זאָלן
5 אויך מיר וואַנדלען באַנייטע אין לעבן. וואָרום
אויב מיר זענען צוזאַמען געפלאַנצט געוואָרן אין
דער ענלעכקייט פון זיין טויט, וועלן מיר אויך זיין
6 אין דער ענלעכקייט פון זיין תחית המתים, וויסנדיק
דאָס דאָזיקע, אַז אונזער אַלטער מענטש איז צוזאַמען
מיט אים געוואָרן, כדי דער זינדיקער
גוף זאָל פאַרניכטעט ווערן און מיר זאָלן מער נישט
7 זיין פאַרשקלאַפט צו דער זינד; וואָרום דער געשטאָר־
8 בענער איז גערעכטפערטיקט פון דער זינד. אָבער